# יזכור

## קדושי
## שירדז

# יזכור



הורינו, אחינו, אחיותינו וקרובינו

קדושי שירדז

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

הוצא ע״י ארגון יוצאי שירדז

ציור השער: ליאור רוטברג

דפוס „דוגמה״, תל־אביב, רח׳ צ׳לנוב 27

בעירה שירדז שההיסטוריה שלה מתחילה לפני 300 שנה, חי אחד מהישובים היהודיים של פולין, חיים של סבל ועבודה במשך דורות רבים. עירתנו שהיו בה יותר מ־600 משפחות יהודיות, דמתה בחיי תרבות, חברה וכלכלה ליתר ערי פולין. אפשר היה למצוא בה חסידים ואפיקורסים, בעלי אומנויות ומלאכה ופועלים, אנשים אינטליגנטיים ופשוטי העם, חברות, מפלגות, ספריות והוגים דרמטיים, מועדוני ספורט ותנועות נוער. כל אלה היו ידועים מאד בכל הסביבה. בנק שתופי, קופות גמילת חסד וכן כל מיני מוסדות צדקה שבשעת דחק היו עוזרים לנצרכים בעירתנו. נוער ששאף לתרבות כדי להמשיך בשרשרת הזהב של ההיסטוריה העתיקה שלנו פעל בכל השטחים של חיינו היהודיים.

החיים בעירנו זרמו סוערים ושקטים לסרוגין לפי המצב הפוליטי והחברתי. ביום השלישי לפרוץ מלהמת העולם השניה כבר הרגישו תושבי העירה היהודיים את הגורל המר של ה„תרבות" הגרמנית הברברית. עם כניסת הצבא הגרמני ימ"ש התחילו תרדיפות והעינויים האכזריים. בכל יום ויום היו אוספים את הגברים מכל הגילים וכצעקות וגדופים היו מובילים אותם לעבודות הבזויות ביותר. לא עבר יום בלי קרבנות או פצועים. התחילו כל מיני עלילות; יום אחד הם העלילו שהיהודים ירו בגרמנים מביתו של

זלוצ'יבסקי. על סמך זה ירו והרגו חמשה יהודים חפים מפשע. לא עבר יום או לילה שהרוצחים לא ישדדו בתים יהודיים, ובהזדמנות זו, על פי רוב, היו מכים באכזריות גברים, נשים ולא פוסחים על תינוקות.

פוגרום גדול אירגנו בשבת שלפני יום־הכפורים. הרוצחים הגרמנים פשטו בעירה כמו חיות־טרף עם רובים מכודנים הכו ודקרו בלי לרחם על צעיר וזקן. באותו יום הם סחבו אתם כ־300 יהודים לתוך מרתפי הקסרקטין הפולני. היו באותו יום הרבה הרוגים ופצועים, רק למחרת היום שחררו מהמרתפים את המעונים שנשארו בחיים. וכך חזר ונשנה אותו המחזה של תפישת אנשים לעבודות־כפיה.

אחרי ימים אחדים התחיל הגרוש מהעיר. 25 המשפחות הראשונות גורשו בקרונות סגורים ללובלין. קבוצה שניה, יותר גדולה, גורשה לסנדומיז' וקבוצה שלישית גורשה לניי־סאנדז ולמקומות בלתי ידועים.

ב־2 לנובמבר אסרו הגרמנים יותר מ־40 יהודים כבני־ערובה, כאחראים לשקט שישרור ב־11 לנובמבר (שהוא יום העצמאות הפולני), ואם יופר השקט — יורו.

הגיסטאפו עינו את ארבעים היהודים כל הלילה ואחר כך השליכום לבית־הסוהר. כשנפתחו שערי הברזל של הכלא ניתז זרם מכות מקתות הרובים

על ראשי המעונים והפצועים. ביום השלישי לשהותם בכלא רצחו הנאצים שנים מהם, ולאחר עינויים קשים לא נותר בחיים אלא יהודי אחד מכל ה־40. ביום השלישי, באמצע הלילה, נהרדו כל האסירים בבית־הכלא מהצעקות המחרידות שבקעו מהדרי האינקביזיציה, מקום העינויים של כמה מאות יהודים שהובאו בתור בני־ערובה מהעיר זדונסקה־וולה, ביניהם היו הרבה הרוגים ופצועים.

חיי הגהינום נמשכו בלי הפסק עד הקמת הגיטו היהודי בשירדז.

ב־1940 הקימו הגרמנים את הגיטו בעיר והחל דף חדש בהיסטוריה של סבל ועינויים. יום יום הוצאו פקודות חדשות במטרה למרר את חייה של האוכלוסיה היהודית, הם דחקו את כל היהודים לתוך מספר רחובות צרים ומלוכלכים של העירה, 4—3 משפחות בחדר אחד. כתוצאה מעבודת־כפיה קשה יום־יומית, תנאי הזנה קשים וחיי הגהינום של היהודים תחת המגף של חיות הגיסטאפו הנאציות פרצו מחלות ומגפות. לא חלף יום שהמות לא יקצור כמה וכמה אנשים מתוך משפחותינו. הנוער כולו, ביניהם ילדים בני 14—12 שנה, גורשו למחנות ריכוז, נתלשו בכוח מחיק הוריהם. משלוחים אלה היו מלווים מחזות מחרידים שיד אנוש אינה מסוגלת לתאר אותם. צעקות הכאב של ההורים ושל הילדים לא נגעו כלל ללבותיהם של

הרוצחים „בעלי התרבות" כביכול. הסבל המר והעינויים נמשכו עד שנת 1942, כאשר החלו להגיע שמועות מעציבות, שפשטו במהרה בגיטו. החלה עצבנות גדולה בין היהודים, עבים קודרים כיסו את עולמנו. עד מהרה התאמתה השמועה כי הגיטו בשירדז עומד להתחסל. לא עבר זמן רב כאשר החלו לאסוף את כל היהודים בלי יוצא מהכלל: גברים, נשים, ילדים, חולים וגוססים, בכנסיה העתיקה בת אלף השנים ושם הוצאה לפועל ה„סלקציה". במקום אימים זה התרחשו המחזות והעינויים הנוראים ביותר של קדושי בית ישראל בשירדז. תלישת אמהות מילדיהן, גברים מנשותיהם, אחיות מאחיהן, והעמסתם בכוח על משאיות בדרכם למחנה ההשמדה „חלמנא". רק חלק קטן מאד מהם גורש לגיטו לודז'.

זאת היתה דרך העינויים האחרונה של הורינו, אבותינו, אמותינו, אחיותינו ואחינו היקרים והקדושים שהושמדו באכזריות מתועבת על-ידי הנאצים הברברים ימ"ש, נושאי ה„תרבות" של המאה העשרים.

כך נסתם הגולל על היהודים בעירה העתיקה שירדז.

יהיה זכרם ברוך.

# יזכור



**אונזערע טייערע עלטערן, ברודער, שוועסטער און קרובים**

**קדושי שעראדז**

אין שטעטל שעראַדז האָט געלעבט איינער פון די עלטסטע קבוצים אין פוילן.

לאַנגע דורות פון יידיש לעבן און יידישער פיין און אַרבעט דור נאָך דור האָט געצויגן אונזער אַלטע געשיכטע אַ־ערך 300 יאָר די יידן אין שעראַדז.

אונזער שטעטל האָט געציילט איבער 600 יידישע פאַמיליעס און געברויזט האָט אַ לעבן ווי אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילן.

אַ־לעבהאַפט פאָליטיש, געזעלשאַפט, עקאָנאָמיש, און קולטור לעבן.

חסידים און פריידענקער, האַנטווערקער און אַרבעטער, אינטעליגענטן און פשוטע פאָלקס מענטשן, חברות, פאַרטייען און דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט קלובן און יוגענט אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען געווען זער גוט בעקאַנט אין דער ארומיקער געגענט.

די קאָאָפּעראַטיווו באַנק, גמילות חסדים קאַסעס, און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס וועלכע האָבן אין אַ נויט זער פיל געהאָלפן די אָרימע מענטשן ביי אונז אין שטאָט.

אַ יוגנט וועלכע האָט געלעכצט נאָך וויסנשאַפטן כדי ווייטער צו ציען די גאָלדענע קייט פון אונזער טראַדיציאָנעלער אַלטער געשיכטע, און איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן.

דאָס לעבן ביי אונדז אין שטעטל האָט געפלאָסן אַמאָל שטורמישער און אַמאָל רוהיקער אָפּהענגיק פון פּאָליטישע קאָניונקטורן.

באַלד נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה אופן דריטן טאָג האָט די יידישע באַפעלקערונג ״יי אונז אין שטאָט שוין דערפילט דעם ביטערן גורל וואָס עס הייסט דייטשע קולטור באַרבאַריזם.

מיטן אַריינמאַרש פון דייטשע אַרמעי ימח שמם האבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכסטע רדיפות אוי פיינינונגען, יעדן טאָג פאַרזאַמעלט אלע מענער יונג און אַלט מיט געשרייען און זידלערייען, געטריבן די אַלע פאַרזאַמעלטע צו די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעט. עס איז נישט אדורך קיין איין טאָג עס זאָל נישט זיין קיין טויטע און פאַרוואונדעטע.

עס האָבן זיך אַ שאָט געטאן פּראָוואָקאַציעס איינע נאָך דער אַנדערע. די ערשטע איז געווען, דאָס די יידן האָבן געשאָסן אויף די דייטשן פון זלאָטשעווסקים הויז און דערפאַר האָבן זיי דערשאָסן 5 אומשולדיקע יידן.

עס איז נישט אַדורך קיין איין טאָג אָדער איין נאַכט אז די באַנדיטן זאָלן נישט פאַגראָמירן עטלעכע יידישע הייזער, און ווען זיי פאַלן אריין (מערסטנטייל ביי נאַכט) שלאָגן זיי מערדערליך מענער, פרויען, זיי שוינען נישט קיין קליינע קינדער.

דעם שוידערלעכסטן פּאָגראָם האָבן זיי ארגאַניזירט דעם שבת פאַר יום־כיפור. די דייטשע געסטאַפּאָ באַנדיטן האָבן זיך אַלאָז געטאָן איבער די שטאָט ווי די צעיושעטע ווילדע חיות מיט ביקסן און באַגנעטן אין די הענט און מערדעליך געשלאָגן און צושטאָכן פיעל מענטשן יונג און אַלט.

דעם זעלבן טאָג האָבן זיי פאַרשלעפּט איבער 300 יידן אין די קעלערן פון די פּוילישע קאַזאַרמעס, דעם טאָג זענען געווען פיל טויטע און זער פיל פאַרווּנדעטע.

באַלד נאָך די באַפרייאונג האָט זיך ווידער איבערגעהזערט דאָס כאַפּן און שלעפּן די יידן צו דער שווערסטע קאַטאָרגע אַרבעט.

אַפּאָר טאָג שפּעטער האָט זיך אַנגעהויבן די אויסזידלונג פון דער שטאָט. די ערשטע 25 פאַמיליעס אין געשלאָסענע וואַגאָנען אַפּטראַנספּאָרטירט נאָך לובלין. אַגרעסער גרופּע פאַמיליעס נאָך סאַנדאָמיערזש און אַדריטע גרופּע נאָך ניי־סאָנדז און אין אַנדערע אומבאַוווסטע ערטער.

דעם 2־טען נאָוועמבער האָבן זיי ארעסטירט איבער 40 יידן אַלס זאַק־לאַדניקעס, זיי געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך אויב דעם 11־נאָוועמבער וועט עפּעס פאַרקומען אין שטאָט ווערן די אַלע 40 מאַן דערשאָסן, (דער 11־נאָוועמבער איז דער פּוילישער נאַציאָנאַלער יום־טוב).

די געסטאַפּאָ פּייניגט די 40 יידן ביז די האַלבע נאַכט, און דער נאָך פאַרשלעפּט מען זיי אין דער טיורמע, ווען עס האָבן זיך אַ אָפּען געטון די אייזערנע טוירן פון דער טיורמע האָט זיך אַשטאָט געטון קלעפּ פון ביקסען קאָלבעס איבער די קעפּ פון די פאַרפּייניקטע און צושלאָגענע מענטשן.

אויפן 3־טן טאָג האָבן די געסטאַפּאָ באַנדיטן אויף אַ בעסטיאַלישען אויפן דערשאָסן 2 מאַן, און נאָך פאַרשידענע פאַרפּייניגונגען איז פון די 40 מאַן געבליבן לעבן נאָר איינער.

אויפן 3־טן טאָג שפּעט ביינאַכט זענען אַלע פון דער טיורמע אויפגעציטערט געוואָרן פון די שרעקליכע ווייי געשרייען און געוואַלדן וואָס האָבן זיך געטראָגען פון אינקוויזיטישע פּייניגונגס קאַמערן. ווי עס זענען געפּייניקט געוואָרן די עטליכע הונדערט יידן וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אַלס זאַקלאַדניקעס פון דער שטאָט דזונסקאַ־וואָלאַ צווישען זיי זענען אויך געווען פיל טויטע און שווער פאַרוווּנדעטע.

די טרויריקע גהינום לעבן, האָט זיך געצויגן אָן אויפהער ביז צו דער שאַפונג פון דער יידישע געטאָ אין שעראַדז.

אין 1940 האָבן זיי געשאַפן ביי אונדז די געטאָ. עס הויבט זיך אָן אַ נייע בלעטל געשיכטע פון ליידן און פּיין. יעדן טאָג פרישע און נייע פאַר־

אָרדענונגען וועלכע פאַרביטערן נאָך מער די צרות פון דער יידישער באַפעלקערונג ביי אונז אין שטאָט. מען האָט צונויפגעמענגעפּרעסט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין אַ פּאָר קליינע און ענגע שמוציקע געסלאַך פון שטאָט צו 3 און צו 4 פאַמיליעס אין איין צימער.

אין רעזולטאַט פון דער שווערע קאַטאָרגע אָרבעט טאָג איין טאָג אויס ווי אויך די שלעכטע דערנערונגס-באַדינגונגען פון דער פאַרשאָלטענע געסטאַפּאָ בעסטיע און דאָס ביטערע גהינום לעבן, האָבן אָנגעהויבן בושעווען פאַרשידענע עפּידעמיעס און קראַנקהייטן.

עס איז נישט אַדורך קיין איין טאָג אַז דאָס געשפּענס פון טויט זאָל נישט אַרויסרייסן אַפּאָר מענטשן פון אונזערע פאַמיליעס. עס ווערן פאַרשיקט די יונגנט אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציאָנס לאַגערן. צווישען זיי קינדער פון 12 און 14 יאָר. זיי ווערן מיט געוואַלד אָפּגעריסן פון זייערע עלטערן. ביי אַזעלכע אַקציעס פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרייסענדע סצענעס, וואָס די האַנט קאָן עס נישט איבערשרייבן.

דער וויי-געשריי פון די עלטערן און פון די קינדער רירט גאָרנישט די פאַרשטיינערטע הערצער פון די ווילדע קולטור באַנדיטן.

די ביטערע און טרויריקע, ליידן און פיין האָבן זיך אַזוי געצויגן ביז 1942. מיט איינמאָל האָבן זיך אין געטאָ אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן פאַרשידענע טרויעריקע קלאַנגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן זער אַ שטאַרקע נערוועזיטעט צווישען די יידן, טרויעריקע וואָלקענס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרדעקן די הימלען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אמת דאָס די שעראַדזער געטאָ ווערט ליקווידירט. עטלעכע טעג שפּעטער גאַנץ פרי ווערן אַלע יונג און אַלט מענער, פרויען און קינדער, קראַנקע און האַלב טויטע פאַרזאַמעלט אין שעראַדזער טויזענט יעריקען אַלטען קלויסטער ווי עס ווערט דאָרט אַדורך געפירט די סעלעקציע. דאָרט האָבן זיך דאַמאָלס אָפּגעשפּילט די טרויעריקסטע געשעענישען און שרעקליכסטע בילדער פון יידישען מערטירערטום.

דאָס אָפּרייסן מאַמעס פון קינדער, מענער פון פרויען, שוועסטער פון ברידער, און מיט געוואַלד אויפגעלאָדן איבער 80 פּראָצענט אויף לאַסט אויטאָס און אָפּטראַנספּאָרטירט מיט אַ שטאַרקער באַוואַכונג אין פאַר־ניכטונגס לאַגער נאָך „תעלמנא”. אַ גאָר קליינע צאל האָבן זיי פאַרשיקט אין דער „לאדזער” געטאָ.